**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס אזוי ווי קאמיוניטיס הויבן אן ערהוילונג פראצעדור נאכפאלגנדיג שטורעמעס פארבינדן מיט איבערבלייבענישן פון "דעבי"**

***סטעיט-ברייטע סטעיט אָוו עמערדזשענסי בלייבט אין קראפט***

***פארפלייצונג ווארענונגען בלייבן אין קראפט פאר סעינט לאורענס, פרענקלין, ברום און דעלעווער קאונטיס***

***שווערע רעגנס האבן באטראפן די נארט קאנטרי, צענטראל ניו יארק, מאוהאק וואלי, הויפטשטאט ראיאן, סאוטערן טיער, מערב ניו יארק און מיד-האדסאן ראיאנען***

***DHSES קאטאסטראפע ערהוילונג איינגעשטעלטע אין פארבינדונג מיט לאקאלע שותפים אין באטראפענע קאמיוניטיס זיי צו העלפן אנהויבן אפשאצן די שאדנס***

***סטעיט אגענטור מאנשאפטן אויפן שטח העלפנדיג אפרייניגן און אפשאצן שאדנס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס אפרופונג צו די שווערע שטורעמעס קומענדיג אלס איבערבלייבנדע השפעות פון די "דעבי" שטורעם וואס האבן באטראפן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט אום פרייטאג. נעכטן האט די גאווערנער דעקלערט א סטעיט-ברייטע סטעיט אָוו עמערדזשענסי און ארויסגעשיקט מער פון 120 סאלדאטן פון די נעשענעל גאַרד צו צושטעלן הילף. איבער די קומענדיגע עטליכע טעג איז די וועטער ערווארטעט צו זיין פארהעלטנסמעסיג קלאר, און דאס וועט העלפן אונטעריאגן די אויפרייניגונג.

"ניו יארק בלייבט אונטער א סטעיט-ברייטע סטעיט אָוו עמערדזשענסי, און מיין אדמיניסטראציע שטייט גרייט צו שטיצן באטראפענע קאמיוניטיס אזוי ווי זיי זעצן פאר צו אויפרייניגן און זיך ערהוילן פון די שטורעמעס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך די איבערלייבענישן פון 'דעבי'", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטעיט אגענטורן האבן מאנשאפטן אויפן שטח העלפנדיג אפרייניגן די שאדנס, און מיר ארבעטן מיט אונזערע לאקאלע שותפים אזוי ווי זיי הויבן אן אפשאצן די שאדנס. עס איז וויכטיג פאר ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם אזוי ווי פארפלייצונגען בלייבן א סכנה אין טייל ערטער פון די סטעיט."

נעכטן, האבן פיר ביז זעקס אינטשעס פון שווערע רעגנס באטראפן קאונטיס פון סטױבען און אלעגאני קאונטיס און צפון-מזרח אריבער סעינט לאורענס און פרענקלין קאונטיס מיט פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען אין מערערע לאקאציעס. באדייטנדע פארפלייצונגען זענען פארגעקומען אין סעינט לאורענס קאונטי. שווערע דונערן שטורעמעס און שטארקעווינטן האבן אויך באטראפן די מזרח האלב פון די סטעיט, און דאס האט פאראורזאכט ברייט-פארשפרייטע עלעקטריציטעט קורצשלוסן. א טארנאדא מיט א 0 אויפן

EF וואג האט זיך אראפגעלאזט אויף ניו פּאַלץ, ברענגענדיג די סך הכל צאל פון טארנאדאס אין ניו יארק סטעיט דאס יאר צו 27.

פארפלייצונג ווארענונגען בלייבן אין קראפט פאר סעינט לאורענס, פרענקלין, ברוּם און דעלעווער קאונטיס ביז נאך היינט צוליב פארפלייצונגען פון די טייך. רוב פון די פארפלייצונגען זענען שוין אריבער די הויכפונקט, און די וואסערן זענען ערווארטעט זיך צוריקצוציהען אונטער פארפלייצונג שטאפלען שפעטער היינט אדער איבערנאכט.

וואלונטירן פון די אמעריקאנע רויטע קרייץ האבן געעפנט א שעלטער אין סטיובען קאונטי ביי די Corning-Painted Post היי סקול צו העלפן די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די שטורעמעס, און זיי וועלן באזוכן פריוואטע היימער אין די קומענדיגע טעג צו אפשאצן שאדנס און גיבן הילפס-מיטלען און פינאנציעלע הילף פאר מענטשן וואס זענען בארעכטיגט דערפאר.

ניו יארק סטעיט אגענטורן שטעלן צו די פאלגנדע שטיצע צו ארויסהעלפן מיט די אפרופונג צו די שטורעמעס:

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services)**
די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער אין אלבאני איז אקטיוויזירט געווארן צו ענטפערן פארלאנגען פון לאקאלע רעגירונגען פאר הילף, און די סטעיט'ס זאפאסן זענען גרייט צו ארויסשיקן מיטלען ווי נויטיג. די DHSES האט צוגעשטעלט שטיצע מיט קאמוניקאציע מיטלען פאר ערשטע הילף מאנשאפטן, און די סטעיט'ס שנעל-פליסנדע וואסער רעטונג מאנשאפטן האבן זיך אפגערופן צו פארלאנגען פאר הילף און קענטאן און סטיובען קאונטי. די סטעיט פייער אפעראציעס צענטער איז אקטיווזירט און קען שטיצן סטעיט אגענטור אפעראציעס און אזוי אויך זיך באגיין מיט פארלאנגען וואס קומען אריין דורך די סטעיט פייער מאביליזירונג און געמיינזאמע הילף פלאן ( State Fire Mobilization and Mutual Aid Plan). DHSES קאטאסטראפע ערהוילונג איינגעשטעלטע שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע שותפים אין באטראפענע קאמיוניטיס זיי צו העלפן אנהויבן אפשאצן די שאדנס צו אינפראסטרוקטור, היימער און ביזנעסער. די שאדן אפשאצונג אפרופונג מאנשאפט איז שוין אויפן שטח צו העלפן דורכפירן אויפן-ארטיגע שאדן אפשאצונגען. לערנט מער איבער פארפלייצונג זיכערהייט טיפס.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT)**
די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט רופט זיך אפ מיט מער פון 3,429 סופערווייזערס און טראק דרייווערס. בריק און שאסיי אויפהאלטונג קרעפטן טוהען פאטראלירן די סטעיט שאסייען און זענען פארנומען מיט אויפרייניגונג און שאדן אפשאצונג אפעראציעס אין באטראפענע ערטער. אלע באטראפענע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן בלייבן מיט מאנשאפטן אויפן ארט מיט מאשין דרייווער, סופערווייזערס און מעכאניקער דורכאויס די גאנצע שטורעם, און אלע אזעלכע געגענטער וועלן ווערן די ערשטע אפגערייניגט. די NYSDOT גיבט אויך שאדן אפשאצונג און אויפרייניגונג הילף פאר לאקאלע רעגירונגען.

חלקים פון עטליכע סטעיט הייוועיס פארבלייבן פארשלאסן צוליב פארפלייצונגען אדער אראפגעפאלענע ביימער, אריינרעכענענדיג לענגאויס יו. עס. רוּט 9 אין ווארען קאונטי; סטעיט רוּט 248, 36 און 417 אין סטיובען קאונטי; סטעיט רוּט 11 אין סעינט לאורענס קאונטי און סטעיט רוּט T970 אין פרענקלין קאונטי. NYSDOT מאנשאפטן ארבעטן צו צוריק עפענען די שאסייען ווי נאר די אומשטענדן ערלויבן דאס.

צו העלפן מיט שטורעם ערהוילונג באמיאונגען, ווערן נאך צוויי וואסער אפלויף סיסטעם אויפהאלטונג מאנשאפטן (18 מענטשן) און נאך זעקס שאדן אפשאצונג מאנשאפטן (12 מענטשן) ארויסגעשיקט צו די נארט קאנטרי צו ארויסהעלפן NYSDOT מאנשאפטן וואס זענען שוין אויפן שטח. די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,408 גרויסע זאמד טראקס
- 319 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 88 האלץ טשיפּערס
- 87 עקסקעוועיטער טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 30 טראַפיק טורעם פלאטפארמעס
- 18 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 12 בוימער מאנשאפט באָקעט טראקס

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן [https://www.511ny.org/#:Alerts](https://www.511ny.org/#:Alerts), ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען (New York State Canal Corporation)**
צוליב די שטורעם, זענען די פאלגנדע חלקים פון די ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם פארשלאסן פאר שיפן:

- ערי קאנאל צווישן שלאס E-8 אין ראטערדאם, סקענעקטעדי קאונטי און שלאס E-15 אין פאָרט פלעין, מאַנטגאָמרי קאונטי
- ערי קאנאל צווישן שלאס E-24 אין באַלדווינסוויל, אָנאָנדאַגאַ קאונטי און שלאס E-27 אין לייאנס, וועין קאונטי
- קאַיוגע-סענעקא קאנאל שלאס CS-1 אין אוריליוס, קאַיוגע קאונטי
- די קאנאל קארפארעישען וועט צוריק עפענען די חלקים לויט ווי די אומשטענדן ערלויבן.
- שיפלער און אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן פון די קאנאל ווערן געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן צו באקומען באריכטן דורך די קאנאל קארפארעישען'ס Notice to Mariners (מעלדונג פאר שיפלער) מעלדונג פראגראם דורכן דרוקן [דא](#).

**דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services)**
איינוואוינער קענען באקומען הילף מיט פראגן איבער פינאנציעלע סערוויסעס, אריינרעכנענדיג אינשורענס אינפארמאציע אין באציאונג צו וועלכע פארלוסטן זייערע פאליסיס דעקן, דורכן רופן די דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס'ס (Department of Financial Services, DFS) דיזעסטער האַטליין אויף 800-339-1759 אויף וואכן טעג פון 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג.

***נאך הילפס-מיטלען פאר געליטענע, עצות וויאזוי צו האנדלען מיט אינשורענס פירמעס***
ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען ווערן געמוטיגט צו באזוכן די [DFS](#) [קאטאסטראפע און פארפלייצונג ערהוילונג הילפס-מיטלען צענטער](#) פאר בייהילפיגע אינפארמאציע.

אנדערע הילפס-מיטלען און עצות פאר באטראפענע פאמיליעס און ביזנעסער רעכענען אריין שריט צו העלפן זיכער מאכן אז קלעימס ווערן שנעלערהייט איבערגעקוקט, און אזוי אויך אינפארמאציע איבער וויאזוי צו אריינגעבן א קאמפּלעינט אויב די פאליסי אייגנטימער קענען נישט שליכטן געפעכטן מיט זייער אינשורענס פירמע.

**גיבט שנעלערהייט אריין קלעימס** — היים אייגנטימער וועלכע האבן געליטן פון פארלוסטן צו זייער פארמעגן ווערן געמוטיגט צו אריינגעבן אינשורענס קלעימס צו זייער אינשורענס פירמע שנעלערהייט און ווי שנעלער מעגליך נאך די פארלוסטן קומען פאר. עס איז וויכטיג צו איבערגעבן די פאליסי נומערן אויב מעגליך און אלע אינפארמאציע וואס איז נוגע צו די פארלוסט. כדי צו אמבעסטן דאקומענטירן די פארלוסטן, זאלן היים אייגנטימער נעמען בילדער אדער ווידעאוס וואס ווייזן די פארנעם פון די פארלוסטן בעפארן אויפרייניגן די שאדן.

**מאכט נויטיגע פאררעכטונגען** — היים אייגנטימער זאלן באשיצן זייער פארמעגן פון ווייטערע שאדן נאך א פארלוסט, אבער זיי זאלן נאר מאכן פאררעכטונגען וואס זענען נויטיג צו פארמיידן ווייטערע שאדן צו די פארמעגן, ווי איבערדעקן צובראכענע פענסטער. פערמאנענטע פאררעכטונגען זאלן נישט געמאכט ווערן ביז נאך די אינשורענס פירמע האט אינספעקטירט די פארלוסטן.

**לייגט אוועק רעקארדס פון אפהאנדלונגען מיט אינשורענס פירמע פארשטייער** — היים אייגנטימער זאלן פולשטענדיג קאאפערירן מיט זייער אינשורענס פירמע און האלטן א רעקארד פון אלע אפהאנדלונגען מיט אינשורענס פארשטייער, אריינרעכענענדיג די פארשטייערס'ס נעמען, און אזוי אויך די צייטן און דאטומען פון אלע טעלעפאן רופן אדער באזוכן. זיי זאלן אויך נאכפאלגן סיי וועלכע שמועס מיט א פארשטייער אין שריפט כדי עס זאל זיין א דאקומענט פון וואס זיי האבן פארשטאנען פון סיי וועלכע שמועס וואס זיי האבן געהאט מיט די פארשטייער.

**מאכט א דעטאלירטע ליסטע פון אייערע פארמעגנס** — גיבט פאר אייער אינשורענס פירמע א דעטאלירטע צימער-ביי-צימער ליסטע פון געשעדיגטע פערזענליכע חפצים און פארמעגנס. רעכנט אריין רעסיטס, ווי קרעדיט קארטל סטעיטמענטס אדער אנדערע דאקומענטן וואס ווייזן אויף די ווערט פון די פארמעגנס.

**פארפלייצונג שאדן** — היים אייגנטימער ווערן דערמאנט אז שאדן פארפלייצונג ווערט געווענטליך נאר געדעקט דורך פארפלייצונג אינשורענס, וואס איז א פעדעראלער פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור ( Federal Emergency Management Agency, FEMA). היים אייגנטימער וועלכע האבן פארפלייצונג אינשורענס און האבן פארפלייצונג שאדן זאלן מאכן קלעימס דורך די אינשורענס. אין צוגאב, זאלן היים אייגנטימער אויך פארזיכטיג דורכלייענען זייערע פאליסיס צו זיכער מאכן אז זיי פארשטיין וועלכע שאדנס זענען געדעקט און אונטער וועלכע אומשטענדן. פאר מער איבער פארפלייצונג אינשורענס, באזוכט ביטע די פארפלייצונג אינשורענס הילפס-מיטלען צענטער (Flood Insurance Resource Center) אויף די DFS וועבזייטל אויף http://www.dfs.ny.gov/consumer/flood_info.htm.

**האלט אייערע רעסיטס אויב איר ציהט זיך אוועק דורכאויס פאררעכטונגען** — אויב איר דארפט צייטווייליג זיך אוועקציהען בשעת אייער היים ווערט פאררעכטן, מאכט זיכער צו האלטן אלע רעסיטס און אנדערע רעקארדס פון אייערע אויסגאבן אין די צייט.

**אריינגעבן קאמפלעינטס** — היים אייגנטימער וועלכע קענען נישט שליכטן געפעכטן וואס זיי האבן מיט זייער אינשורענס פירמע קענען זיך פארבינדן מיט די DFS צו אריינגעבן א קאמפלעינט אויף די פאלגנדע וועבזייטל אדרעס, http://www.dfs.ny.gov/consumer/fileacomplaint.htm. די DFS פארשט אויס אלע קאמפלעינטס וואס זי ערהאלט.

**אינפארמאציע איבער היים אייגנטימער'ס אינשורענס** — נאך אינפארמאציע קען געפונען ווערן אויף די היים אייגנטימער הילפס-מיטלען צענטער אויף די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס'ס וועבזייטל אויף: http://www.dfs.ny.gov/consumer/home_resources.htm.

**דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS)**
ניו יאָרק'ס יוטיליטי פירמעס וועלן האבן אומגעפער 7,500 ארבעטער שטייענדיג גרייט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט, זיך גרייטנדיג פאר פאטענציאלע אינפראסטרוקטור שאדן און קורצשלוסן פאר זייערע קליענטן געשעהענדיג צוליב די לעצטע שווערע וועטער; און דאס רעכנט אריין די פאלגנדע דרויסנדיגע ארבייטער אונטער קאנטראקט: 500 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך NYSEG/RG&E; 495 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך Con Edison; 300 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך National Grid; 200 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך Orange & Rockland; 165 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך PSEG LI; און 60 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך Central Hudson. DPS שטאב מיטגלידער וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די יוטיליטי פירמעס'ס ארבעט דורכאויס די וועטער געשעעניש און זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס שיקן נאך מאנשאפטן און מיטלען צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**סטעיט דעפּאַרטמענט (Department of State)**
די סטעיט דעפּאַרטמענט שיקט ארויס איינגעשטעלטע פון די דיוויזיע פון געביידע סטאנדארטן און רעגולאציעס (Division of Building Standards and Codes) צו העלפן לאקאלע באאמטע מיטן דורכפירן געביידע זיכערהייט אפשאצונגען.

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)**
טרו-וועי אויטאריטעט מאנשאפטן זענען גרייט זיך צו אפרופן צו סיי וועלכע פארפלייצונג-פארבידענע אינצידענטן אריבער די סטעיט מיט 671 מאשין דרייווערס און סופערווייזערס, קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטאר טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודער טראקטארס, באוועגיגע עלעקטראנישע שילדן, באוועגיגע ליכט טורעמעס, קלענערע דזשענערעיטארס, קלענערע פּאָמפּס און עקוויפּמענט-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען דא צו נוצן צו שיקן קארן דורך אן אומוועג אדער פאר שאסיי פארשליסונגען. עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאושעל מידיע ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס וועגן וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

די צאָלן פון עקוויפּמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 346 גרויסע און קליינע זאמד טראקס
- 63 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 34 טרעילערס
- 6 וואקיום טראָקס
- 13 עקסקעוועיטאר טראקטארס
- 7 האלץ טשיפּערס
- 100 זעגן
- 22 לופט טראָקס
- 25 סקיד סטיערס
- 86 באוועגיגע דזשענערעיטארס
- 70 באוועגיגע באלייכטונג יוניטס

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאונלאודען איר מאבייל עפּ וואס מען קען דאונלאוד'ען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע

לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס וועלכע באריכטן די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי, זיי קענען פאַלאָווען ‎@ThruwayTraffic‏ אויף X און זיי קענען באזוכן [thruway.ny.gov](http://thruway.ny.gov) צו זעהן א לעבעדיגע מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן אויף די טרו-וועי און אויף אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי האט געענטפערט א פארלאנג פון די DHSES ביי די לאקאציע וואו מאנשאפטן קומען זיך צוזאם ביי בינגעהעמטאן/וועסטעל, און זיי וועלן צושטעלן א מאנשאפט באשטייענדיג פון 6 URT מיטגלידער, 1 עירבאָוט שיפל און 1 RHIB. אפעראציעס האבן זיך אנגעהויבן דאנערשטאג 6:00 ביינאכט פאר 12-שעה'יגע שיפטס און זיך ענדיגן ווען זיי פעלן מער נישט אויס. די סטעיט פאליציי וועט האלטן א נאענטע אויג אויף די וועטער אומשטענדן, און נאך איינגעשטעלטע וועלן ווערן ארויסגעשיקט צו באטראפענע געגנטער ווי נויטיג. ספעציאליזירטע קארן און טראקס פון די סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו טרעקלער, יוטיליטי טעסק טרעקלער און שיפלער, זענען גרייט פאר באלדיגע אפרופונג.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC)**
DEC ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע און ראיאנישע שטאב מיטגלידער שאצן אפ קריטישע אינפראסטרוקטור און פלעצער וואס זענען באטראפן געווארן פון די באדייטנדע רעגנס. מיטלען ווערן ארויסגעשיקט צו העלפן מיט עמערדזשענסי אפרופונג אין פארפלייצונג-געשעדיגטע קאמיוניטיס.

הייקערס ווערן ווייטער געראטן צו צייטווייליג אוועקשטיין פון אלע העכערע טרעילס און פון טרעילס וואס גייען אריבער טייכן און וואסער שטרוימען. מענטשן וואס גייען הייקן אין די עדיראַנדעקס ווערן געמוטיגט צו כאפן א בליק אויף די עדיראַנדעק קאנטרי אינפארמאציע וועבזייטל בלעטער פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנאלע שאסיי אפשפארונגען און אלגעמיינע פארוויילונג אינפארמאציע.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. די סטעיט פארקס אפיס האט אוועקגעשטעלט זיבן זעגן מאנשאפטן וואס שטייען גרייט צו ארויסהעלפן מיט אויפרייניגן פון די שטורעם. פארק באזיכער זאלן באזוכן [parks.ny.gov](http://parks.ny.gov), קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA)**
די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט האלט א נאענטע אויג אויף וועטער אומשטענדן צו פארזיכערן זיכערע, פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבייטער האבן זיך אפגערופן שנעלערהייט צו וועטער-פארבינדענע פראבלעמען אריינרעכענענדיג אראפגעפאלענע ביימער אויף שינעס. כדי צו רעדוצירן די אויסזיכטן פון א פארפלייצונג און אזוי אויך זיך צו אפרופן צו סיי וועלכע פארפלייצונג אינצידענטן, האבן MTA מאנשאפטן אונטערזוכט אפלויף רערן אין ערטער וואס ווערן גרינג פארפלייצט צו זיכער מאכן אז זיי ארבעטן ווי עס דארף צו זיין, און סופּערווייזארס האבן געהאלטן אן אויג אויף גרינג-פארפלייצטע לאקאציעס פאר באריכטן פון פארפלייצונגען כדי צו פארזיכערן א שנעלע אפרופונג.

פאסאנזשירן ווערן געמוטיגט צו קוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אַפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די באנען. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA עפּ און דורך די TrainTime עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן